**חוה ראָזענפֿאַרב** / מאָנטרעאָל

# בריוו צו גאָט

## (דערציילונג)

האַר, עס איז צײַט. דער זומער איז געוועזן זייער גרויס — —
— — טרײַב דאָס לעצטיקע מתיקות אַרײַן אין שווערן ווײַן.
ווער עס פֿאַרמאָגט נאָך איצט קיין היים נישט, בויט זיך שוין קיין היים
נישט מער.
ווער עס איז אַצינד נאָך אַלץ אַליין, וועט שוין אויף לאַנג אַזוי פֿאַרבלײַבן,
וועט וואַך זײַן - - לאַנגע בריוו שרײַבן - -

אַזוי האָט רילקע דער פּאָעט געזונגען אין זײַן ליד "האַרבסטטאָג", וואָס איז געווען זײַנס אַ פֿערזנבריוו צו דיר, ליבער גאָט. אַזוי פֿיל לידער זענען געשריבן געוואָרן מיט אינוואָקאַציעס צו דיר. אַזוי פֿיל רייד האָבן מענטשן געוואָנדן צו דיר, אין תּפֿילות, מיט זיפֿצן, מיט קלאָגרײַען, מיט בענקעניש.

פֿאַר וואָס זשע באַטראַכט איך מײַן אייגן "שרײַבן" צו דיר פֿאַר אומגעשמאַק און ציניש? איז דאָס דערפֿאַר וואָס מײַן לאַנגער זומער האָט זיך געשטעלט אָן דעם "מתיקות פֿון שווערן ווײַן", און איך בין מסופק צי דו עקסיסטירסט איבער הויפּט? וואָס אין מײַן וויסטער אַליינקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט כאַפּ איך זיך אָן אין דיר, אַפֿילו אין דײַן נישט־דאָיִקייט, כּדי, לכל־הפּחות אין אָט דער פֿאָרעם, זאָלסטו מיר דינען ווי אַ באַגלייטער, אַ חבֿר־לדרך, צי גאָר, איך בעט איבער דײַן כּבֿוד - ווי אַ קוליע?

אַנומלט האָב איך ערגעץ ווו געלייענט, אַז עס איז דערשינען אַ בוך פֿון בריוו צו גאָט געשריבן פֿון קינדער. און וואָס בין איך סוף־כּל־סוף? אויך נישט מער ווי אַ קינד - אַ קינד וואָס האָט זיך נישט אויסגעלערנט שרײַבן, אַ פֿאַרבלאָנדזשעט קינד מיט פֿריצײַטיק גרוי־געוואָרענע האָר און מיט אַ נערוועז האַרץ, אַ דערוואַקסן קינד, וואָס טראָגט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט אַ קרענקלעכער אומרײַפֿקייט אין זיך. ווײַל עס איז פֿאַלש צו האַלטן, אַז דו האָסט אונדז, מענטשן, באַשאַפֿן לויט דײַן פּנים. דאָס האָבן מיר דיך באַשאַפֿן לויט אונדזער פּנים, אומרײַפֿער גאָט. אפֿשר דערפֿאַר קומסטו מיר אויפֿן זינען, גרויסער נישט־דאָיִקער, ווען נאָר איך טראַכט וועגן פֿאָטערשאַפֿט, ווען נאָר איך טראַכט וועגן מײַן לײַבלעכן טאַטן.

דו שטאַרבסט, טאַטע מײַנער, און איך גיי אויס פֿון פֿאַרלאָזנקייט, שוין איצט, ווען דו ליגסט נאָך אויף דײַן קראַנקנבעט אינעם צימער אין אַנדערן עק פֿון קאָרידאָר, אין מײַן

הויז. - - איך געדענק ווי דו האָסט מיך געפּלעגט אַרומטראָגן אויף די אַקסלען ווען איך בין געווען אַ שנעק פֿון דריי יאָר. האָסט קאָמיש אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַרויפֿגעקוקט צו מיר פֿון צווישן מײַנע קינדער־שיכלעך: "ווי רײַט זיך דיר עפּעס אויפֿן טאַטן, זון מײַנער?" האָסטו מיך לאַכנדיק געפֿרעגט. אין לונאַ־פּאַרק האָסטו מיך אַוועקגעטראָגן. האָסט, מיט מיר אויף דײַן שויס, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן געזעס פֿון דער קאַרוזעלע. האָסט אונדז צוזאַמען פֿאַרפּאַסקעוועט און מיר זענען געפֿלויגן אַרום דעם ערדקײַלעך. אַ היימישער ערדקײַלעך געווען, אַן אַרומגענומענער מיט דײַנע שטאַרקע פֿאָטערלעכע אָרעמס. דאָס וואָרט "פֿאַרלאָזנקייט" איז נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען.

איך געדענק אויך אַן אַנדערן טאָג, ווען דו ביסט אײַנגעשטיגן מיט מיר אין גרינעם טראַמוויי און האָסט זיך מיט מיר אַוועקגעלאָזט צום גרינעם מאַרק, אײַנקויפֿן מאַלענעס וואָס זענען נאָר וואָס רײַף געוואָרן אויף די קוסטעס בײַ די פּויערים אין דאָרף. כ׳געדענק דעם פֿריילעכן טונקל־רויטן קאָליר, דעם טערפּקע־זיסן טעם, און כ׳געדענק דײַנע טונקל־רויטע וואָנצעס, ווען מיר זענען געזעסן אין טראַמוויי אויפֿן וועג אַהיים און האָבן צוזאַמען אַרויסגענאַשט די מאַלענעס פֿון קיישל. אַז מיר זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב האָט די מאַמע זיך צעשמייכלט צו אונדז מיט אירע מאַלענאָווע ליפּן. זי האָט אַרויפֿגעגאָסן ווײַסע סמעטענע פֿון אַ ווײַסן קרוג אויף דער ווײַסער שיסל מיט די טונקל־רויטע מאַלענעס און האָט אַרויפֿגעשיט ווײַסן צוקער פֿון אויבן - כדי זיי זאָלן אונטער דער סמעטענע ווערן נאָך זיסער, נאָך באַטעמטער און זאַפּטיקער און טונקל־רויטער...

און איך געדענק יענעם טאָג, טאַטע, ווען דו האָסט מיך, ווי אַ שטראָפֿנדיקער גאָט, צום ערשטן מאָל מכבד געווען מיט אַ פּאָר פּעטש אין הינטן אַרײַן פֿאַר זאָגן ליגן... און נישט האָבן מודה געווען, אַז איך האָב יענעם ערבֿ־פֿרילינגדיקן פֿרימאָרגן, אַנשטאָט גיין אין שול אַרײַן, זיך אַוועקגעלאָזט אין פּאַרק צוקוקן ווי דאָס אײַז שמעלצט זיך אויפֿן סטאַוו.

איך געדענק נאָך אַנדערע און אַנדערע טעג מיט דיר, טאַטע, באַטעמטע און ביטערע טעג פֿון מײַנע קינדער־יאָרן. יאָ, טעג ווען דו ביסט געווען אַ גאָט בײַ מיר. און סײַ די ביטערע און סײַ די באַטעמטע טעג זענען געווען גליקלעכע. נאָר וואָס? איך האָב נאָך דעמאָלט דערפֿון נישט געוווסט.

האָסט צו מיר טענות, טאַטע, הלמאַי איך קום נישט אַרײַן געננוג אָפֿט אין דײַן צימער, דיך מבֿקר־חולה זײַן און זיצן אַ ביסל בײַ דײַן בעט. "קאָנסט מיך נישט אָנקוקן... עס נעמט מיר צו לאַנג... האַ?" פֿרעגט מיך דײַן קלוג־ווייטיקדיק שמייכלען. דער פֿײַנלעכער אַלץ־זאָגנדיקער בליק פֿון דײַנע מידע רויט־וואַסערדיקע אויגן גליטשט זיך איבער מיר, און זוכט צו אַנטפּלעקן צי איך בין אַרײַנגעקומען אַט סתם, כדי צו זײַן מיט דיר אַ ביסל, צי איך האַלט גאָר דאָס שפּריצל אין דער האַנט מיט אַן אײַנשפּריצונג פֿון מאָרפֿין. דו ווייסט פּונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז דאָס שפּריצל איז בעצם דער קאָפּ פֿון אַ שלאַנג, און דעם שפּריצלס נאָדל איז דער שלאַנגס שאַרף צינגל וואָס שפּריצט אין דיר אַרײַן דעם טויטן־סם.

זאָל איך דיר אויסזאָגן, טאַטעשי ליבער, אַז דאָס קום איך אַזוי זעלטן אַרײַן, כּדי צו זיצן לעבן דײַן בעט, ווײַל איך האָב מורא פֿאַר דײַנע יסורים, האַרציקער מײַנער? כ׳האָב מורא, אַז אין אַ רגע פֿון ייִאוש וועל איך אויספֿאָלגן דײַן פֿאַרהוילענע בקשה און צוואַיילן... אַ סוף מאַכן צו דײַן לעבן, אויס רחמנות, אויס צער־בעלי־חיים, אויס יסורים פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט. איך גיי נישט אַרײַן צו דיר, ווײַל איך האָב דיך אַזוי שטאַרק, אַזוי קינדעריש ליב, און עס טרײַבט מיך פֿון דיר דער כּוח פֿון דער אָ ליבשאַפֿט. איך בין אַזוי צוגעבונדן צו דיר, אַז די צוגעבונדנקייט שטיקט מיך אַזש ווי אַ שטריק אַרום האַלדז, אַזוי שטאַרק - אַז זי פֿירט מיך אַזש אַראָפּ פֿון זינען.

דערפֿאַר קלעפּ איך צו דיר, דו אַלץ־און־גאָרנישט־ווײסנדיקער אומגאָט מײַנער... קראַנקער, אָנמאַכטיקער, שטאַרבנדיקער. דערפֿאַר רוף איך צו דיר ממעמקים, פֿון מײַן פֿאַרשאָלטענער מבֿולבלדיקייט אַרויס. איך רוף מן־המיצר. העלף מיר אין דער שעה ווען עס איז קיין הילף נישט פֿאַראַנען!

אָסור צי איך ווייס פֿאַר וואָס דו האָסט אײַנגעפֿלאַנצט אין מיר דעם חשק צו "שרײַבן" צו דיר פֿון מײַן בעט אַרויס, אין אָט דער קאָשמאַריק־קאַלטער בײַנאַכטיקער שעה - ווי פּרוסט האָט געפֿלעגט טאָן, ווי קאַפֿקאַ האָט געפֿלעגט טאָן. ווייסטו דען נישט, אַז מײַן נישט קענען האַלטן קיין פּען אין דער האַנט מיינט בעצם, אַז איך קאָן נישט אַרויפֿברענגען צו דער אייבערפֿלאַך פֿון באַוווסטזײַן דאָס אַלץ וואָס שוימט זיך טיף אין מיר אַזוי ווירוואַריק און פֿאַרפּלאָנטערט? דאָס איז דאָך דײַן שולד - זײַן שולד, פֿאַר וואָס איך קאָן נישט. ווײַל אַ טאַטן מוז מען פֿאָלגן. דאָס האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל ווערן אַ שפּראַכלעכער אימפּאָטענט. דערפֿאַר האָב איך קיין מאָל גאָרנישט אָנגעשריבן. עס גייט נישט. אַלע שלוזעס זענען פֿאַרהאָמערט אין מיר אויפֿן לעבן אַרויס. דיר איז דאָס אַלץ איינס, אייביקער... אַלץ איינס "סוב ספּעציע עטערניטאַטיס". איך ווייס. אָבער פֿאַר מיר איז דאָס פֿון אָן ערשטראַנגיקער וויכטיקייט. צו זײַן אַ נישט־געוואָרענער שרײַבער מיינט זיך צו ווערגן מיט דער אייגענער נשמה ווי מיט אַ ביסן וואָס לאָזט זיך נישט אַראָפּשלינגען.

געדענקסט, טאַטע, ווי דו האָסט געפֿלעגט אויסחלומען די צוקונפֿט פֿאַר מיר? אַ באַרימטער וויסנשאַפֿטלער האָב איך, לויט דײַנע חלומות, געזאָלט ווערן. כ׳בין געווען אַ בחורל פֿון אַרום עלף־צוועלף יאָר. מיר זענען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען נאָכן צוקוקן אַ פֿוטבאָל־מאַטש הינטער דער שטאָט. און פֿון דער טעמע פֿון "געניאַלן" בראַמקאָזש, ביסטו אַריבער צו רעדן וועגן אַ וויכטיקערן העלד - וועגן מיר, דעם "געניאַלן" צוקונפֿטיקן באַשיצער פֿון דער מענטשהייט. האָסט זיך באַמיט אײַנצופֿלאַנצן אין מיר הויך־עטישע אַמביציעס. האָסט מיך געמוטיקט און, אַ פֿאַרכליניעטער פֿון התפּעלות, מיר אויפֿגעקלערט פֿאַר וואָס וויסן איז מאַכט. האָסט מיר דערציילט וועגן קעפּלערן, וועגן ניוטאָנען, וועגן ראָבערט פֿולטאָן, וועגן עדיסאָנען, וועגן מאַריאַ און פּיער קירי און, פֿאַרשטייט זיך, וועגן אַלבערט איינשטיין. האָסט פֿאַררייכערט איין פּאַפּיראָסל נאָכן אַנדערן און פֿיפּקענדיק געשמאַק, האָסטו ענטוזיאַסטיש פֿאַררוקט די מאַטשעיאָווקע אַזוי

הויך איבערן שטערן, אַז זי איז דיר שיִער נישט אַראָפּגעפּאַלן פֿון קאָפּ. אַזוי האָסטו, האַלטנדיק די אַנדערע האַנט אויף מײַן אַקסל, אַרײַנגערעדט אין מיר.

"געדענק, יאַנקעלע, מײַן זון", האָסטו פֿײַערלעך מיך געלערנט, בעת דער פּאַפּיראָסן־רויך האָט זיך אַרויסגעקנוילט פֿון דײַן מויל צוזאַמען מיט דײַנע פֿאַרדבֿקעטע רייד. "אויב האָסטו אַן אינטערעסאַנטן אײַנפֿאַל, פֿאַרשרײַב אים גלײַך. אויב טרעפֿסטו זיך אָן אויף אַ שאַרפֿן געדאַנק אין אַ בוך, שרײַב דיר אויפֿן אָרט אַרויס דעם פּאַראַגראַף. קאָנסט קיין מאָל נישט וויסן פֿון וואַנען עס וועט קומען דער פּלוצעמדיקער אויפֿבליץ פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אײַנפֿאַל".

"אָבער טאַטע", האָב איך זיך אַן ערנסטער געאַמפּערט מיט דיר, "איך וויל ווערן אַ שרײַבער... אַ פּאָעט... נישט קיין וויסנשאַפֿטלער".

"אַוודאי", האָסטו מיך ליבלעך געקלעפּלט אין אַקסל. "אַז מען איז אַ וויסנשאַפֿטלער איז מען שוין ממילא אַ שרײַבער, איז מען שוין ממילא אַ פּאָעט. וויסנשאַפֿט... מאַטעמאַטיק... פֿיזיק... כעמיע... זענען דאָך פֿול מיט פּאָעזיע. זיי פֿירן צום סוד און יסוד פֿון דער עקסיסטענץ, צו דער מוזיק פֿון די ספֿערעס, צו דער מיסטעריע פֿון באַשאַף, צו דעם מתיחד זײַן זיך מיט גאָט אַליין. זעסט דאָך, אַלבערט איינשטיין איז אַן ערשטקלאַסיקער פֿידלער..."

אַזוי זענען מיר געגאַנגען איבער די סטעשקעס פֿון די הינטערשטאָטישע פֿעלדער, פֿאַרחלומט־צעאַמפּערט, ביז כוליגאַנעס זענען אַפּערגעקומען פֿון הינטער אַ כאַלופּע און געגנומען אונדז באַוואַרפֿן מיט שטיינער. דער שטיין וואָס האָט מיך געטראָפֿן אין קאָפּ האָט מיר געמאַכט אַ בײַל. איך האָב אים נאָך הײַנט. ער איז מיר אַרײַנגעוואַקסן אין מוח. נישט קיין וווּנדער וואָס איך טראָג נישט אויף מײַן שטערן קיין צלם־אלהים, נאָך דעם צייכן פֿון מענטשן־שינאה. בײַ די דײַטשן איז אַ שלימזל און אַ פֿאַרדעכטיקער קעגנער פֿון רעזשים באַטראַכט געוואָרן פֿאַר "וואַפֿענאונפֿעיִג". איך בין, ביז צו מײַן אַרײַנקומען אין קאַצעט, געווען "לעבנסאונפֿעיִג". אפֿשר האָב איך צוליב דעם זיך געפֿילט אַזוי צוגעבונדן צו דיר, טאַטע.

אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, האָב איך זיך געפֿילט צו דיר, אַז דיר אויף להכעיס, האָב איך, דײַן וואַקסנדיק זונדל, זיך אײַנגעשפּאַרט דווקא יאָ צו ווערן אַ פּאָעט, און נישט קיין וויסנשאַפֿטלער.

"וויסן איז נישט מאַכט, נאָר אוממאַכט", האָב איך זיך געאַמפּערט מיט דיר. "וויסנשאַפֿט ווייסט גאָרנישט. פּאָעזיע איז אַלץ־וויסנדיק".

און איך האָב זיך פֿאַרנומען אויסצופּילפּולן מײַן "פֿילאָסאָפֿיע" פֿאַר דיר. כ׳האָב ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט ווערטער. כ׳האָב געהאַט אַ גוואַלדיקע הנאה פֿון דעם קלאַנגענשפּיל פֿון טראַפֿן און פֿון דעם ריטמישן צונויפֿהעפֿט פֿון שורות - און אַזוי האָב איך זיך אַליין אויפֿגעהאָדעוועט אויף פּאָעזיע. כ׳בין אויפֿגעוואַקסן אויף דער ליטעראַטור. כ׳האָב זיך באַהאַלטן פֿון דיר און פֿון דײַן מאַכט איבער מיר, פֿון דײַן "געטלעכקייט" - אין דער ליטעראַטור. כ׳האָב זיך באַהאַלטן פֿון דער אימה פֿאַרן לעבן, פֿון דער אימה פֿאַר די גויים - אין דער ליטעראַטור. כ׳האָב מער געלעבט אין אירע דלד־אַמות ווי אין אמתן לעבן.

אַזוי איז אָנגעקומען דער טאָג ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַלטן בײַם אָפּגעבן זיך אַ חשבון פֿון דעם דערלײזערישן כּוח פֿון שרײַבן. דאָס איז געשען יענעם אינדערפֿרי, ווען דער לערער אין דער גימנאַזיע האָט אונדז פֿאַרגעבן אָנצושרײַבן אַ קאָמפּאָזיציע ווי אַ קלאַסן־אַרבעט. ״מײַנע שפּאַצירן מיטן טאַטן״ האָט מײַן קאָמפּאָזיציע געזאָלט הייסן. אמת, מײַנע שפּאַצירן מיט דיר, טאַטע, זענען געווען אַ געוויינטלעך געמיטלעך איבערלעבעניש, אָן אַן אויסנעמלעכן באַטײַט. אָבער אָט דאָס איבערלעבעניש האָט אָנגענומען אַ שטוינענדיקע דימענסיע ווען איך האָב געהאַלטן בײַם פֿאַרוואַנדלען עס אין אַ ליטעראַרישן טעקסט. נאָר געהאַלטן דערבײַ... ווײַל ס׳איז דערפֿון גאָרנישט אַרויסגעקומען. איך האָב די קאָמפּאָזיציע נישט אָנגעשריבן, ווײַל - ווי נאָר דו, טאַטע, ביסט מיר געקומען אויפֿן זינען - האָב איך זיך אַ פֿאַרמעסט געטאָן מיט דער פּען איבערן ווײַסן בויגן פּאַפּיר - און אויפֿן וועג איבערגעקערט דעם טינטער. דער שוואַרצער טינט האָט פֿאַרשוואַרצט דאָס זײַטל פּאַפּיר. דער לערער האָט מיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון קלאַס. פֿון דעמאָלט אָן בין איך אַן אַרויסגעוואָרפֿענער, אַ חצוניותדיקער אין דער וועלט פֿון די וואָס קענען זיך אַן עצה געבן מיטן וואָרט. כ׳בין אויפֿגעוואַקסן אַ פֿרוסטרירטער שרײַבער.

ווונדערלעכע קאַמעראַדן זענען מיר דעמאָלט געווען, טאַטע. אָבער בעת־מעשׂה האָב איך ערגעץ, אין יענע ערשטע מענלעכקייט־יאָרן, אומבאַמערקט אָנגעהויבן דיך פֿײַנט צו האָבן, מערדערלעך פֿײַנט צו האָבן - פֿאַר דער זינד פֿון דײַן אומשלמותדיקייט. איך האָב דײַנע שוואַכקייטן דיר נישט געקאָנט מוחל זײַן. איך האָב זיי אָנגערופֿן היפּאָקריטסטווע, צבֿיעות, באַגרענעצטקייט. איך האָב געהאַלטן, אַז נישט געקוקט אויף דײַן ״ליבעראַלן אויסבליק אויפֿן לעבן״ און דײַן באָמבאַסטיש־פֿרײדיקן וויסן און וויסנשאַפֿט, ביסטו גײַסטיק שטיין געבליבן אויף איין אָרט, אַז דײַן אומטאָלעראַנץ וואַקסט אין אַ גלײַכער פּראָפּאָרץ מיט מײַן אייגענעם פֿיזישן און גײַסטיקן וואַקסן און געדײַען. האָסט מיך בשום־אופֿן נישט געוואָלט פֿאַרשטיין, נישט געפּרוּווט אַפֿילו אויס נײַגער, אַפֿילו אויף אַן אויגנבליק - צו זען די וועלט מיט מײַנע אויגן. כ׳האָב נישט געקאָנט פֿאַרלײַדן דײַן טרוקענע ״פּראַקטישקייט״, דײַן ווילן אָפּצוהאַקן מיר די פֿליגל, דײַן טבֿע מבֿטל צו מאַכן מײַנע חלומות. כ׳האָב נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דײַן קליינקעפּלדיקער אויטאָריטעט.

חוץ־מזה ביסטו דאָך געווען דער מלך, וואָס האָט מיר נישט פֿאַרגונען מײַן פּריווילעגירטע פּאָזיציע אין האַרצן פֿון דער מלכּה - דער מאַמען, וואָס איר קרוינפּרינץ בין איך געווען. כ׳בין געווען דאָס ליכט אין אירע אויגן - און זי אין מײַנע. האָסט וואָכעדיק געמאַכט דעם יום־טובֿ צווישן איר און מיר - מיט דײַן תּכליתדיקייט, מיט דײַן צו־דער־זאַכיקייט. כ׳האָב דיך אויף די אויגן נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן.

ווי לעכערלעך קומט מיר דאָס אַלץ איצטער אויס, טאַטעשי ליבער! שטותים אָן אַ שום זינען. אַלצדינג ווערט מבֿטל אין אָנבליק פֿון דעם גיגאַנטישן שאָטן וואָס נעמט זיך שפּרייטן איבער מײַן וועלט. איך דערזע נישט קיין עוקצל זינען אין דעם פֿאַרבלינדנדיקן חושך וואָס צענאַכטיקט זיך אין מיר. דעמאָלט, אין יענע גרינע האָפֿערדיקע יאָרן, ווען דו

האָסט מיך באַגלייט דורך מײַנע טעג, איז מיר אָנגעקומען לײַכט צוצוטראַכטן אַ זינען פֿאַר מײַן לעבן - אין הסכּם מיט דיר, צי אין קעגנערשאַפֿט צו דיר - און אָנהאַלטן זיך אין דער אילוזיע, אַז מײַן דאָזיין פֿאַרמאָגט אַ ממשות. אַפֿילו אין קאַצעט האָב איך זיך געקלאַמערט אין אָט דער אמונה. אָבער איצט, נאָך אַזוי פֿיל גאָלדענע האַרבסטן זינט דער באַפֿרײַונג, בעת דו ליגסט אינעם שכנותדיקן צימער אויף דײַן קראַנקנבעט ווי אויף אַ טראַטווע וואָס האַלט בײַם אָפּשווימען פֿון מײַנע ברעגעס, און די שטריק וואָס האַלט דיך צוגעבונדן צו מיר גליטשט זיך אַרויס פֿון מײַנע הענט - איז מיר פּוסט... פּוסט אין מײַן גאַנצן חיות. די מורא פֿאַר דײַנע יסורים, טאַטע, איז פֿאַר מיר דער איינציקער באַווײַז אַז איך לעב.

דאָס ברענגט מיך צו דעם ענדגילטיקן אמת וועגן מיר, טאַטעשי מײַנער - אַז איך בין סוף־כּל־סוף געוואָרן אַן אומהיילעוודיקער פּסיכאָפּאַט. פּסיכאָטישע פּאַראַנאָיאַ פֿון אַ סכיזאָפֿרענישער פּערזענלעכקייט - אָט דאָס איז דער דיאַגנאָז וואָס זיי האָבן וועגן מיר פֿאָרמולירט - דער עיקר זי, מײַן ווײַב מלכּה.

איך שוידער. עס באַפֿאַלן מיך ספּאַזמען פֿון גרויל אין אָט דער רגע. איך צאַפּל פֿון שרעק, ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז באַלד וועט זיך די טיר געבן אַ צעפּראַל און די דאָקטוירשע פֿון אוניווערס, מלכּה, דאָס ווײַב מײַנס, וועט זיך אין איר באַווײַזן, זי וועט מיך אַדורכגליען מיט אירע גרינע גלעטנדיק־ברייקע אויגן, וועט מיך אַרומשנאַלן מיט די זײַדענע פֿאַסמעס פֿון אירע פּעך־שוואַרצע האָר, און וועט מיך אײַנקלאַמערן אין אירע גלאַטיק־פֿולכנע ליגנעריש־צערטלעכע אײַזן־שטאַרקע אָרעמס. איך פֿאַרגעטער זי. זי איז אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג. זי איז מײַן באַשערטקייט. אומזיסט דאָס רופֿן הילף.

עס שאַריעט דער הימל אויף טאָג. דער ערשטער זונשטראַל איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער פֿענצטערשויב. אָט זע איך ווי מלכּה דערנענטערט זיך. זי שטעלט זיך אַוועק לעבן מיר און איך הער ווי זי זאָגט:

״גוט־מאָרגן, מײַן אוצר, כ׳וועל דיר געבן אַן אײַנשפּריצונג, כּדי דו זאָלסט נישט אַזוי שטאַרק פֿילן דעם שאָק... דעם עלעקטראָשאָק. פּרײַטיק איז הײַנט. די עלעקטראָשאָקן וועלן דיר ברענגען אַ גוטן, מנוחהדיקן שבת״.

ד׳ פֿאַרבינדט מיר די אַרבל פֿון מײַן שגעון־קאַפֿטאַן און פֿענטעט מיך אַרום מיטן זײַד פֿון אירע אין־סופֿיקע שוואַרצע האָר. מיט אירע ווייכע הענט, וואָס פֿאַרמאָגן דעם כּוח פֿון אײַזנצוואַנגען, האַלט זי מיך צו, און דאָס זיסע פּנים אירס, די צענעמענדיקע בליקן, שפּיזן מיך אַדורך מיט דער תּאווה מיך צו צעשטערן. אַ טויטנדיקע היילונג ברענגט זי מיר מיט אירע געטלעכע עלעקטראָשאָקן. אָט פּרעסן די עלעקטראָדן שוין צו מײַנע שלײַפֿן, אָט איז מײַן קאָפּ שוין אַרומגעפּאַסקעוועט מיט רימענס. זי גיט אַ קוועטש בײַם קאָנטאַקט. ראַטעווע, טאַטע מײַנער, ראַטעווע!

*

דר. יאַקאָב סאַפּיר האָט זיך אויפֿגעוועקט מיט אַ געשריי און זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט. מלכּה, זײַן פֿרוי, וואָס איז געשלאָפֿן לעבן אים, האָט זיך אויך ראַפּטעמדיק געגעבן אַ זעץ אויף.

"וואָס איז געשען, טײַערסטער?" האָט זי אַ דערשראָקענע אויסגערופֿן.

ער איז צוריקגעפֿאַלן אויפֿן קישן און האָט אָפּגעאָטעמט טיף, מיט דערלײַכטערונג. ער האָט אַ רײַב געטאָן דעם שטערן מיט בײדע הענט.

"גאָרנישט... גאָרנישט, מלכּהלע. ס'האָט זיך מיר עפּעס געחלומט... כאָטש ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך שלאָף נישט. אַ קאָשמאַר. כ'האָב געחלומט, אַז כ'בין מײַנס אַ פּאַציענט". ער האָט זי.לאַנג אָנגעקוקט אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט זי נישט דערקענט, דערנאָך האָט ער אָנגענומען איר האַנט און זי אַוועקגעלייגט בײַ זיך אויפֿן ברוסטקאַסטן. איר פּנים האָט אויסגעזען צו הענגען איבער אים. ער האָט טרויעריק אַרויפֿגעשמייכלט צו איר, "דו ביסט אויך געווען אינעם חלום, טײַערסטע. האָסט געהאַט גרינע אויגן, נישט קיין שוואַרצע". ער האָט זיך ליבלעך געשפּילט מיט אירע פֿינגער וואָס האָבן פּאַמעלעכל, גלעטנדיק גענומען קריכן איבער די האָר אויף זײַן ברוסטקאַסטן. "וואָס מאַכט ער?" האָט ער אַ פֿרעג געטאָן. "ער איז אַדורכגעשלאָפֿן די גאַנצע נאַכט, אמת?"

"ער שלאָפֿט נאָך איצטער" האָט זי צוריקגעפֿליסטערט. "נאָך דער אײַנשפּריצונג וואָס דו האָסט אים נעכטן אין אָוונט געגעבן..."

"אַבי ער לײַדט נישט קיין יסורים..."

"יאָ, מיר איז אויך ליבער ווען ער שלאָפֿט. ווי נאָר איך דערהער אים קרעכצן, וואָלט איך אַנטלאָפֿן ווו די אויגן טראָגן..."

יאַקאָב האָט אינעם וואַרעמען טונקל פֿון אירע אויגן געזוכט אַ דערמוטיקונג אָנצוגיין מיטן אָנקומענדיקן טאָג. דאָס שוואַרצע גלאַנציקע זײַד פֿון אירע האָר - וואָס זענען מערדוזע־אַרטיק צעפּאַטלט געלעגן אויף דער ליכטיקער הויט פֿון אירע אַקסלען און געווען אײַנגעפֿלאָנטערט אין די שולטער־בענדלעך פֿון איר נאַכטהעמד - האָט געלאָקט זײַנע ליפּן זיי צו באַרירן. אויף אַן אויגנבליק האָט ער דערזען אין דמיון ווי ער כאַפּט זי אַרײַן אין די אָרעמס. אָבער ער האָט איר נאָר אַ פֿעסטן גיכן קוש געגעבן און איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט.

ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען אין קאָרידאָר, איז זײַן פֿיר־יאָריקער מיזיניק, סעמי, אַ באָרוועסער, אַ האַלב־נאַקעטער, אים אַנטקעגנגעלאָפֿן, אים אַרומגעכאַפּט פֿאַר די קניִען און אויסגערופֿן מיט זײַן קלינגעוודיק קולכל: "פּאַפּאַ, איך האָב דיך ליב!"

יאַקאָב האָט אים גענומען אויף די הענט, אים אַוועקגעזעצט בײַ זיך אויף די אַקסלען און אַרומגעהאָצקעט מיט אים איבערן קאָרידאָר. ער האָט אַרויפֿגעקוקט צו אים פֿון צווישן זײַנע באָרוועסע פֿיסלעך און איבערגעחזרט די פֿראַגע וואָס זײַן אייגענער טאַטע האָט געפֿלעגט פֿרעגן: "ווי רײַט זיך דיר עפּעס אויפֿן טאַטן, זון מײַנער?"

ער האָט געוואָרפֿן אַ גיכן בליק אויף דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון דער קראַנקנשטוב אין אַנדערן עק קאָרידאָר און זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער איז ער שוין געווען אין דער הויט פֿון דר. יאַקאָב סאַפּיר, אָנגעטאָן אין זײַן אַרבעט־אָנצוג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ בלאַנקנדיק־ווײַס העמד, אַ ברוינעם קראַוואַט און ברוינע פֿריש־אויסגעפּרעסטע הויזן. ער איז געזעסן בײַם פֿרישטיק־טיש אין דער קיך און האָט האַסטיק געשלונגען זײַן טעגלעכע

פֿרימאָרגן־פּאָרציע "סיריאָל" מיט מילך. צו דער זײַט פֿון אים איז געזעסן מלכּה אין איר ראָזן שלאַבעריק־צעעפֿנטן שלאָפֿראָק. סעמי איז געזעסן אויף איר שויס און געפּרוּווט עפּעס אויסמײַסטרעווען פֿון די טיי־לעפֿעלעך אויפֿן טיש. די לעפֿעלעך האָבן הויך געקלימפּערט צווישן זײַנע פּולכנע פֿינגער. די אַנדערע קינדער זענען שוין געווען אַוועק אין שול.

"ווּעסט הײַנט מוזן פֿאַרגרעסערן די דאָזע..." האָט מלכּה זיך אָפּגערופֿן צו יאַקאָבן, בעת ער האָט האַסטיק אַרײַנגעכרופּעט די לעפֿל מיטן "סיריאָל"; די קערנער האָבן אומהיימלעך געקנאַקט צווישן זײַנע ציין. די מילכטראָפּנס, וואָס האָבן ווײַס אַראָפּגעשײַנט פֿון זײַנע ליפּן, האָבן אויסגעזען אָפּצושפּיגלען זײַן קינדערשע פֿאַרלוירנקייט. ער איז געווען אין קלעם פֿון דער געוויינטלעכער ייִאושדיקער שפּאַנונג וואָס האָט אויף קיין איין מינוט נישט נאָכגעלאָזט, זינט ער האָט אַהיימגעבראַכט דעם פֿאָטער פֿון שפּיטאָל. "פֿאַר טאָג האָט זיך מיר אַ פּאָר מאָל אויסגעדאַכט, אַז איך הער אים קרעכצן פֿון שלאָף", איז מלכּה אָנגעגאַנגען. "כ'ווייס, אַז דו ביסט צופֿרידן וואָס מיר האָבן אים אַהיימגענומען פֿון שפּיטאָל... אָבער... אויב דו ווילסט וויסן מײַן מיינונג..."

יאַקאָב האָט אומקלאָר דערשפּירט, אַז עפּעס הייבט ער אָן מורא צו האָבן פֿאַר איר. מסתּמא איז דאָס געווען דער נאָכטעם פֿונעם אימהדיקן חלום, וואָס ער האָט געהאַט די פֿאַרגאַנגענע נאַכט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער הערט נישט וואָס זי זאָגט און האָט טיפֿער אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין שיסעלע מיט "סיריאָל", פֿאַרגיכערט דאָס עסן. ער האָט געשפּירט, אַז זי וואַרט אויף אַן ענטפֿער און ער האָט זיך געפֿילט געצוווּנגען זיך סוף־כּל־סוף אָפּצורופֿן.

"זיי האָבן אים מער נישט געוואָלט האַלטן. דו ווייסט דאָך".

זי האָט באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. "אַוודאי, ס'האָט נישט געהאַט קיין זינען. אַז סײַ ווי האָבן זיי גאָרנישט געקאָנט אויפֿטאָן..."

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף אײַננעמען מלכּהן, אָט ווי מען נעמט אײַן אַ לייביכע. באַלד וועט ער זי אַרומנעמען, פֿאַרמאַכן זי אין זײַנע אָרעמס און פֿאַרמאַכן איר דאָס מויל מיט זײַנע ליפּן. ער האָט מילד, איבערבעטנדיק, איר אַ גלעט געטאָן איבערן אָרעם.

"ביסט אַ מלאך, מײַן ליבסטע, צו האָבן אײַנגעשטימט... דו ווייסט גאָרנישט ווי דאַנקבאַר איך בין דיר. איך ווייס נישט ווי איך וואָלט זיך אַן עצה געגעבן אָן דיר. די קינדער נעמען דאָס בעסער אויף ווי מיר האָבן געמיינט, נישט אַזוי?"

"אויבנאויפֿיק, יאָ". סעמי האָט געקלימפּערט מיט די טיי־לעפֿעלעך און אַ צעשפּילטער גערעדט צו זיך. מלכּה איז אָנגעגאַנגען מיט אַ פֿליסטער, "אָבער ווי אַזוי דאָס ווירקט זיך באמת אויס אויף זיי איז שווער צו וויסן. אויב פֿאַרגעסן זיי אָפֿט, אַז ער איז דאָ מיט אונדז, מיינט נאָך נישט, אַז זייער הינטערבאַוווּסטזײַן רעגיסטרירט נישט די שטימונג וואָס הערשט אין הויז".

"וואָס איז דער מער מיט דער שטימונג וואָס הערשט אין הויז?" האָט יאַקאָב מיט אַ קוים־באַהערשטער אויפֿרעגונג געפֿרעגט. "מיר האַלטן דאָך אָן אַ נאָרמאַלע רוטין".

"ווי קאָנסטו דאָס זאָגן? ווי קאָנסטו רעדן וועגן וועלכער נישט איז נאָרמאַלקייט?"

״אפֿשר ביסטו גערעכט״.

״וואָס הייסט אפֿשר? די טיר פֿון קראַנקן־צימער איז טאָקע פֿאַרמאַכט און אויף יענער זײַט איז שאַ־שטיל, אָבער... אָבער מיך גרוילט די גאַנצע זאַך. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל דאָס קענען אויסהאַלטן. איך טראַכט נאָך אַלץ, אַז עס וואָלט ריכטיקער געווען אים אַרײַנצוגעבן אינעם שפּיטאָל פֿאַר די האָפֿענונגסלאָז־קראַנקע״.

״פֿאַרשטיי...״ יאַקאָב האָט זיך פֿאַרהוסט. ער האָט אָוועקגערוקט פֿון זיך דאָס שיסעלע מיטן נישט־דערגעסענעם ״סיריאַל״ און אַרויסגעמורמלט: ״איך טאָר דאָס נישט טאָן. ער וויל דאָס אָט אַזוי...״

״ווי אַזוי? ער ווייסט דאָך נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים״.

״ער ווייסט יאָ... און איך ווייס...״

״אָבער דו מוזסט אים נישט פֿאָלגן. ביסט נישט קיין קינד״.

״ער איז מײַן טאַטע״.

״נאָך אַלץ דער רעספּעקטישער טאַטע״.

״רעד נישט אַזוי...״

״אַנטשולדיק, וועסט אים הײַנט אײַנשפּריצן אַ גרעסערע דאָזע, אמת?״

״זאָג מיר אַ גוט וואָרט, טײַערסטע...״

״איך האָב דיך ליב... טו דאָס פֿאַר מיר, יאַקאָב. פֿאַר מײַנע נערוון. ווען ער שלאָפֿט פֿיל איך זיך רויִקער...״

יאַקאָב האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום פֿענצטער, ווי ער וואָלט געזוכט אַן אַנטרינונג פֿון דעם קוועלעניש אין זײַן חיות. אַ צעוואָקסענער נעזבוים האָט מיטן בלעטער־עשירות פֿון זײַן קרוין מלכותדיק אַרומגעשירעמט דעם גאַנצן הויף. דער בוים האָט אַרײַנגעקוקט אין דער קיך מיט האַרבסטיק־ליכטיקע גאָלד־רויטע בלעטער - אַ צעשמייכלטער אָנזאָג פֿון פֿאַרגיי - און האָט פֿאַרשטעלט יאַקאָבס בליק. דער טעמפּער ווייטיק אין זײַן האַרצן האָט זיך נאָך מער צעוויעט.

״דער האַרבסט איז אין פּולן בלי...״ האָט ער מיט אַ געמאַכטער הײַטערקייט אַ ווונק געטאָן אין דער ריכטונג פֿון ליכטיקן דרויסן. ״געניס כאָטש דו פֿון די לעצטע זוניקע טעג, מלכהלע. נעם סעמין און גייט אין פּאַרק אַרײַן, ווי נאָר די קראַנקן־שוועסטער וועט אַרײַנקומען. איך מוז זיך אײַלן״. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט אָנגענומען מלכהן פֿאַר ביידע הענט און זי האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך, ״ביסט אַ מבֿין ווי דער האַרבסט יום־טובֿט אין דרויסן? גיב נאָר אַ קוק אויפֿן בוים״.

זיי האָבן ביידע פֿאַרבענקטע באַטראַכט דעם בוים, ביז יאַקאָבן האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז די שוואַרצקייט פֿון מלכהס אויגן הייבט אָן צו שווימען צום דרויסן אַרויס אויף טרעריקע טראָפּנס פֿון צער. ער איז איר דאַנקבאַר געווען פֿאַרן מתיחד זײַן זיך מיט אים אין זײַן ווייטיק. ער האָט זי פֿעסטער אַרומגענומען און האָט זי געקושט אין די ליפּן, לאַנג און ייִאושדיק, אָט ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסקושן די האָפֿענונג פֿון איר מויל, אָדער, - ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ווי נאָר ער וועט אָוועקנעמען זײַנע ליפּן פֿון אירע, וועט זי עפֿענען דאָס מויל - כּדי אים צו בעטן... צו באַפֿעלן...

ער האָט זיך ראַפּטעם אַוועקגעריסן פֿון איר. - "כ'האָב היינט אַ שווערן טאָג אין שפּיטאָל", האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן.

ד' איז אַרויסגעקומען גלײַך נאָך אים אין קאָרידאָר אַרײַן. "קום נישט שפּעט אַהיים, טײַערער. מיך גרוילט צו זײַן אַליין דעם גאַנצן טאָג. און גיב אים די אײַנשפּריצונג איידער דו גייסט אַוועק, פֿאַרגעס נישט, איך בעט דיך".

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַרײַן אין זײַן קאַבינעט צוגרייטן די אײַנשפּריצונג פֿאַרן פֿאָטער.

*

טעג זענען פֿאַרבײַ און יעדן אינדערפֿרי האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע סצענע אין דער קיך. אויך דעם הײַנטיקן אינדערפֿרי איז מלכה געזעסן בײַ יאַקאָבס זײַט בײַם פֿרישטיק־טיש, און סעמי האָט זיך געשפּילט אויף דער פּאַדלאָגע. יאַקאָב האָט געכרופּעט דעם פֿרישטיק "סיריאָל", און בעת־מעשה געפּרוווט פֿאַרטעמפּן די שאַרפֿקייט פֿון זײַן פּערזענלעכן ווײי מיטן כאַפּן אַ בליק אויף די פֿײַנלעכע נײַעסן וואָס האָבן אַרויסגעשריגן צו אים פֿון די קעפּלעך פֿון דער צעעפֿנטער צײַטונג. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק אַרום זיך. סעמי איז געזעסן לעבן מלכהס בלויזע פֿיס. אַ רויטער סאַמעטענער שטעקשוך איז נאָכלעסיק אַראָפּגעהאַנגען פֿון איר אונטערגעהויבענער סטאָפּע. דאָס האַרבסטיקע זונליכט האָט אַדורכגעשײַנט דורך דעם בלעטער־געפֿלעכט פֿון דעם רויט־גאָלדיקן נעזבוים און איז געפֿאַלן אויף די ברוינע האָר־רינגעלעך אויף סעמיס קאָפּ און אויפֿן גלאַנציקן זײַד פֿון מלכהס שוואַרצע האָר.

יאַקאָב האָט דערשפּירט ווי מלכה קוקט אויף אים מיט צודרינגלעכע בליקן. ער האָט זיך געפֿילט געצוווּנגען אַרויסצונעמען די נאָז פֿון דער צײַטונג. אַן אויסדרוק פֿון פּײַן און צער איז געווען פֿאַרצויגן איבער דער דינער קנייטשנעץ אויף איר פּנים. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי שלעכט זי זעט אויס. ס'איז אויסגעקומען ווי דאָס פּנים אירס וואָלט לגמרי נישט געהערט צום רעשט פֿון איר קערפּער, וואָס איז געווען באַהויכט מיט אַ צוציִענדיק־פֿרוילעכער וואַרעמקייט, מיט אַ פֿרישקייט - אַפֿילו איצט, ווי זי איז אַזוי געזעסן, מיט די האָר צעפּאַטלט איבערן נאָכלעסיק־צעעפֿנטן ראָזן שלאָפֿראָק. אָן קאָסמעטיק, אָן פּודער, רוזש און שמינקע, האָט דאָס פּנים אויסגעזען געלבלעך־בלייך, און עפּעס ווי עס וואָלט אָפּגעשפּיגלט אירע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען צו זײַן גרין, נישט שוואַרץ. די טיפֿערע קנייטשן פֿון אַרום אירע אויגן און מויל האָבן זיך אײַנגעשטאָכן אין זײַן האַרצן ווי דינע אײַנשפּריצונג־נאָדלען. דורך זיי איז אַ סמיקער שטראָם פֿון שולד אַרײַנגעפֿלאָסן אין אים.

זי האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זײַן קני, ער האָט די האַנט צוגעדעקט מיט זײַנער. זיי האָבן זיך שווײַגנדיק אָנגעקוקט. אַזוי פֿיל נישט־דערזאָגלעכקייטן פֿון מחשבֿה און געפֿיל האָבן וויברירט צווישן זיי. אָבער דאָ האָט זי אַ באַוועג געטאָן מיט די ליפּן, און ער האָט מורא באַקומען פֿאַר דעם וואָס זי פֿאַרמעסט זיך צו זאָגן. ער האָט איר גיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט.

"שאַ... זאָג בעסער גאָרנישט" האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, "מיין נישט, אַז איך ווייס נישט ווי אומיושרדיק דאָס איז, וואָס איך בין דעם גאַנצן טאָג נישטאָ אין דער היים, און דו אַליין טראָגסט דאָס אַלץ אויף דײַנע אַקסלען. אָבער... ער, ער נעמט דיר נישט צו קיין סך צײַט... און..."

"און וואָס, טײַערער?"

"די קראַנקן־שוועסטער טוט דאָך אַל דאָס נייטיקע".

"דאָס איז נישט וויכטיק. ס'איז די אַטמאָספֿער אינעם הויז. ס'איז די אימה... די... כ'ווייס אַליין נישט ווי דאָס אָנצורופֿן".

"כ'ווייס וואָס דו מיינסט..."

"די קינדער קומען הײַנט פֿרי פֿון דער שול. ס'וועט זײַן שווער. גיב אים הײַנט אַ גרעסערע דאָזע, איך בעט דיך".

"ער שלאָפֿט דאָך כסדר...שוין אַ שיינע פּאָר טעג..."

"יאָ, אָבער מיט איבעררײַסן... איך בעט דיך".

"איך טאָר נישט..."

"כאָטש אַ קאַפּינקע אַ גרעסערע. טו דאָס פֿאַר מיר, טײַערסטער".

"ער וועט דאָס נישט איבערטראָגן..."

סעמי איז אויפֿגעשפּרונגען אויף די פּיסלעך און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער קיך ווי ער וואָלט אינטויטיוו געשפּירט אַז טאַטע־מאַמע שעפּטשען סודות צו אַנאַנדער, וואָס זענען אומהיימלעך און שרעקעוודיק. מלכה האָט זיך אָנגעקוועטשט אויף יאַקאָבס שויס. ער האָט איר געגלעט די לאַנגע שוואַרצע האָר וואָס זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אירע אַקסלען און זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ שאַרפֿן קאָנטראַסט פֿון איר בלייכן אויסגעקרימטן פּנים. די פֿרימאָרגן־זון האָט זיך אײַנגעשניטן אינעם ראָז פֿונעם שלאָפֿראָק אויף איר בוזעם אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שמאָלן כירורגישן סקאַלפּעל. זי האָט אַרומגענומען זײַן קאָפּ און זיפֿצנדיק אַרײַנגעפֿליסטערט אין זײַנע גרוי־ווערנדיקע האָר:

"דער אָנבליק פֿון דער פֿאַרמאַכטער טיר גרוילט מיך. עס צערײַסט מיר דאָס האַרץ. כ'שעם זיך אַ שמייכל צו געבן צו די קינדער".

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ בײַ דער פֿראָנטטיר. יאַקאָב האָט אויפֿגעציטערט.

"ס'איז דער בריוטרעגער", האָט מלכה זיך אָפּגערופֿן אין אַ טאָן ווי זי וואָלט אים געוואָלט באַרויִקן.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און האָט אויסגעגלײַכט דעם שלאָפֿראָק אויף זיך. זי האָט דאָס געטאָן מיט אַ מין גראַציעזער אומשולד, ווי זי וואָלט נישט געוווּסט ווי קאָקעטיש אירע באַוועגונגען זענען. יאַקאָב איז נשתומם געוואָרן. ער האָט דערקענט אין איר די מכשפֿה פֿונעם חלום וואָס ער האָט נישט לאַנג צוריק געחלומט. אויף אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווי פֿײַנט ער האָט זי. ס'איז אים אַזש שווער געוואָרן צו אָטעמען אין איר בײַזײַן. ער האָט מורא באַקומען פֿאַר איר... מורא באַקומען פֿאַר דעם וואָס ער פֿילט. ניין! דאָס איז נישט מעגלעך! דאָס טאָר נישט געשען! ער מוז זי ליב האָבן! זי איז זײַן איינציק ליכט! ער טאָר נישט אַנטלויפֿן פֿון איר. זי שטייט אים בײַ - מיט איר ליבשאַפֿט, גרויסאַרטיק, מסירת־נפֿשדיק. ווי קאָן ער זײַן אַזוי אַכזריותדיק, אַזוי אומדאַנקבאַר?

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז אַרויס צום פּאָסטקעסטל. מיטן פּעקל בריוו אין דער האַנט איז ער אַרײַן אין זײַן קאַבינעט. ער האָט געעפֿנט די בריוו, אָבער האָט זיי נישט געלייענט. זיי האָבן אים נישט אינטערעסירט. ער האָט געטראַכט וועגן מלכהן און זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט זי געזוכט מיט די אויגן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערמאָנט ווי גערן זי האָט תמיד געהאַט אָט דעם קאַבינעט... און דער טאַטע זײַנער אויך...

דער קאַבינעט, וואָס איז געווען פֿאַרזען מיט אַן איזאָלאַציע־מאַטעריאַל וואָס האָט נישט דערלויבט דעם מינדסטן שאָרך זיך אַרײַנצובאַקומען צווישן די ווענט, איז געווען פֿונאַנדערגעטיילט מיט אַן אָריענטאַלישן פּאַראַוואַן. פֿון יענער זײַט פּאַראַוואַן איז געשטאַנען די שוואַרצע וווּנדערלעך־באַקוועמע לעדער־סאָפֿע; צוקאָפּנס פֿון דער סאָפֿע - דער לעדער־פֿאָטעל מיטן פֿוסבענקעלע פֿאַר אים. דאָ האָט ער פֿיר אָוונטן אַ וואָך אָפּגעהאַלטן די פֿופֿציק־מינוטיקע טעראַפּעווטישע סעסיעס מיט זײַנע פּאַציענטן. פֿון דער אַנדערער זײַט פֿון פּאַראַוואַן איז געשטאַנען דער מאַהאָגענער שרײַבטיש, אַרומגערינגלט מיט מאַהאָגענע ביכער־שאַפֿעס; בײַ דער זײַט - די פֿאַרשלאָסענע גאַבלאָטקע מיט דער גלאָזטיר, אויף די גלאָז־פּאָליצעס - אַ צאָל מעדיקאַמענטן, דאָס פֿלעשעלע מיט מאָרפֿין צווישן זיי.

פֿון תמיד אָן האָט יאַקאָב בײַ זיך אין האַרצן געקעכלט אַ בפֿירושן ווידערווילן צו דער עלעגאַנץ פֿון אָט דעם צימער. עס האָט איבער הויפּט נישט האַרמאָנירט מיט זײַן געשמאַק. אָבער אַזאַ איז געווען דער סטיל פֿון דער צײַט. ער, יאַקאָב, האָט דאָס געטאָן פֿאַר די פּאַציענטן. ס׳איז גוט געווען פֿאַר דער פּראַקטיק, פֿאַר דער ביזנעס־זײַט פֿון דער פּראָפֿעסיע. אַזוי האָבן געטענהט דער טאַטע און מלכה. דאָס האָבן זיי אים געהאָלפֿן זיך אײַנאָרדענען אין דער פּראַקטיק. דער טאַטע איז נישט צוגעשטאַנען, נאָר האָט מרמז געווען. ער האָט נישט געגעבן קיין באַפֿעלן דעם דערוואַקסענעם זון מיטן דאָקטער־דיפּלאָם, נאָר בלויז אים געגעבן סוגעסטיעס. אַזוי האָט מלכה אויך - נאָר געגעבן סוגעסטיעס.

ער האָט אויפֿגעשלאָסן די גלאָזטיר פֿון דער גאַבלאָטקע און צוגעגרייט דאָס שפּריצל מיט דער אײַנשפּריצונג פֿאַרן פֿאָטער.

די לופֿט אין קראַנקן־צימער איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט אַן אומאָנגענעמען טערפּקע ריח. די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אַלע טאָג געוואַשן די ליג־אָפּדרוקן אויפֿן קראַנקנס קערפּער און צוגעלייגט אַ זאַלב צו זיי, האָט געלאָזט אַ שווערן מעדיצין־ריח הענגען איבערן צימער. יאַקאָב איז געווינט געווען צו דעם ריח. אין שפּיטאָל האָט ער אים קיין מאָל נישט געאַרט. אָבער דאָ האָט ער אים נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן.

”איך האָב נישט קיין שום שײַכות צו דעם דאָזיקן מאַן, וואָס ליגט דאָ אויפֿן בעט... אָט, סתם אַ פּאַציענט...“ האָט יאַקאָב אומזיסט זיך געפּרוווט קלאָרן אין דער טעמפּקייט וואָס ער האָט געוואָלט אַרויפֿצווינגען אויף זיך. טאַקע נישט געווען קיין שום ענלעכקייט אין דעם פּנים וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר זיך, צום גוט־באַקאַנטן פּנים פֿון זײַן טאַטן. און דאָך איז דאָס פּנים געווען אַזוי היימיש־נאָענט - ווי ער, יאַקאָב אַליין, וואָלט דאָ געלעגן אויפֿן בעט.

דער קראַנקער האָט שווער געשנאָרכט. מיט פֿאַרזיכטיקע באַוועגונגען, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער וועט דעם טאַטן אויפֿוועקן, האָט יאַקאָב אַוועקגעמאַכט די קאָלדרע. דעם טאַטנס לײַב, פֿאַרמעט־הויטיק און געלב, איז געלעגן פֿלאַך אויפֿן לײַלעך, ווי עס וואָלט געהאַט נאָר צוויי דימענסיעס, עלעהיי אַן אויסשניט פֿון טעקטור. דער כאָרכלדיקער שנאָרכן האָט אויסגעזען אַרויסצוקומען פֿון ערגעץ טיף אינעם קערפּער. יאַקאָבן האָט זיך געדאַכט, אַז ער שנאָרכט מיט מיטן טאַטן, פֿאָרט מיט מיט אים אויף דער נסיעה.

אַ גוואַלדיקער חשק איז אים באַפֿאַלן צו זען דעם טאַטנס אָפֿענע אויגן... צו זען אים באַוועגן מיטן מויל... דערהערן אַ וואָרט אַרויסקומען פֿון צווישן די פֿאַרבאַקענע ברוינלעך־רויטע ליפּן. שוין טעג און טעג ווי דער טאַטע האָט נישט געעפֿנט די אויגן, נישט אַרויסגעהויכט קיין וואָרט. יאַקאָב האָט פֿאַרשאַרצט דאָס העמד איבערן פֿלאַכן גוף און גיך אַרײַנגעשטאָכן די נאָדל אין דעם שלאַבעריק־לויזן פֿלייש. דער קערפּער האָט נישט רעאַגירט, און דאָך איז דאָס גאַנצע צימער אַדורכגענומען געוואָרן מיט אַ מין שטיקנדיקער היץ - אַ פֿולער מיט צעזידטע פֿאַרקנוילטע יסורימדיקע רייד - קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגטע...

די קניִען האָבן זיך בײַ יאַקאָבן אַ ברעך געטאָן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל לעבן בעט און זיך אײַנגעגעסן מיט די אויגן אין טאַטנס ברוינלעך־פֿאַרבאַקענעם מויל, דעם מקור פֿון דעם שנאָרכן, פֿון דעם קעמפֿנדיקן אָטעם - דעם איינציק־פֿאַרבליבענעם צייכן פֿון לעבן.

*

...עס ראַכט זיך מיר אויס, טאַטע מײַנער, אַז מיר זענען נאָך אַלץ אין קאַצעט. כ׳געדענק אונדזער גדולה צו האָבן צוזאַמען איבערגעקומען דעם איבערוווערטערדיקן נסיון פֿון דער ערשטער סעלעקציע. - איצטער קוק איך צו ווי דו גייסט אַליין צו דער סאַמע לעצטער סעלעקציע - אַזאַ וואָס דערוואַרט מיך אויך ערגעץ אין אַ מאָרגנדיקן טאָג. אוודאי איז פֿאַראַן אַ מאָראַלישער אונטערשייד צווישן יענער סעלעקציע, אַדורכגעפֿירט מיטן אַכזריותדיקן באַוועג פֿון אַ מענטשלעכער האַנט, און דער סעלעקציע אַדורכגעפֿירט פֿון אַנפּנימדיקן גורל. אָבער דער גרויל איז דער זעלביקער... טאַטעשי מײַנער, גורל־ברודער מײַנער.

אַט זע איך אונדז ביידע אין קאַצעט און דערמאָן זיך ווי אונדזערע ראָלעס האָבן זיך דאָרטן געביטן. איך בין דיר אַ טאַטע געוואָרן, געוואָרן דיר אַ טרייסט און אַ טרייסטער. דאָרטן האָט מען זיך נישט געטאָרט קריגן מיט אַזאַ נסימדיק־אָפּגעשוינטן אוצר ווי אַ לײַבלעכער טאַטע. מיר האָבן זיך געטוליעט צו אַנאַנדער. געהיילט איינער דעם אַנדערנס וווּנדן פֿון די קלעפּ וואָס מיר האָבן באַקומען. מיר האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן.

איך דערמאָן זיך... אויף די לאַנגע ווינטערדיקע מאַרשן האָב איך דיך געטראָגן אויף מײַנע אַקסלען און אויף דער פּלייצע, ווי יעזוס האָט געטראָגן דעם קרייץ צו גאָלגאָטאַ. אַזוי האָב איך דיך אַריבערגעטראָגן איבערן טײַך, ווען דער שפּריי פֿון ביקסנקוילן האָט אונדז נאָכגעיאָגט, בעת מיר זענען אַנטלאָפֿן פֿון לאַגער אַ טאָג פֿאַר דער באַפֿרײַונג. דו

האָסט מיר געגעבן דאָס לעבן, טאַטע, און דעמאָלט האָב איך זיך דיר אָפּגעדינט - איך האָב דיר דײַנס צוריקגעגעבן.

...ווי ווײ עס טוט מיר אַצינדער צו דערמאָנען דאָס גליק אונדזערס פֿון נאָך דער באַפֿרײַונג. עס איז באַשטאַנען פֿון מער, ווי נאָר פֿון דעם, וואָס מיר זענען געווען זאַט און פֿרײַ; וואָס מיר האָבן זיך געקאָנט לאָזן ווילגיין מיט פֿײַנלעכע זכרונות, און זיך ברווח אַרומאַמפּערן וועגן אַלצדינג אין דער וועלט, און דער עיקר וועגן פּאָליטיק. עס איז באַשטאַנען פֿון אַ נישט־דערזאָגלעכער דערהייבונג, וואָס איז, צום באַדויערן, בהדרגהדיק אויסגערונען און נישט געוואָרן. דו האָסט זיך צוריק אָנגעכאַפּט אין דײַנע פֿאַרמלחמהדיקע "פּרינציפּן", ווי עס וואָלט קיין מאָל גאָרנישט געשען אויף דער וועלט און אין אונדזער לעבן. דו, דער תמיד "פּראַקטישער", האָסט געפֿונען אַן אָנשפּאַר און אַ טרייסט אין דײַנע אילוזאָרישע אַמאָליקע אידיאַלן וועגן דער גאולה פֿאַר דער מענטשהייט. בעת איך האָב פֿון דעם "קוואַטש" הערן נישט געוואָלט. איך, דער אַמאָליקער בעל־חלומות - כּלומרשט אַן אויסגעניכטערטער, אין דער אמתן אַ פֿאַרהאָנגענער אין דער לופֿטן - האָב פּונקט ווי אַ מאָל אומזיסט געוואַרט אויפֿן גואל פֿון פּאָעזיע - דאָס מאָל פֿון אַ נײַעם מין פּאָעזיע - צו עפֿענען אין מיר די קוואַלן פֿון גרויסן געוויין און מיר ברענגען דערלייזונג.

איך געדענק ווי מיט דער צײַט האָט דאָס געראַטעוועטע לעבן אָנגעהויבן צו מאָנען בײַ דיר אויסגעלעבט צו ווערן. אַזוי ביסטו פּלוצעם אײַפֿערזיכטיק געוואָרן אויף מײַן יונגשאַפֿט. אָט קוק איך אַצינדער אויף דיר און גלייב זיך קוים צו, אַז דאָס ביסטו דער זעלביקער טאַטע מײַנער, ווען עס האָט דעמאָלט אַזוי פֿרילינגדיק, אַזוי גבֿרדיק גענומען ציִען צו די יונגע לײַבער פֿון מײַנע פֿרײַנדינס. האָסט געפּלעגט אונטערלקחנען בײַ מיר די בריוו פֿון מײַן כּלה מלכהן און זיי בגנבֿה לייענען. האָסט אין דײַן ליבשאַפֿט צו מיר, מיך אָנגעקוקט מיט דער גײַציקייט פֿון מלך שאול, וואָס האָט מורא באַקומען פֿאַר דעם יונגן דודן - בעת איך האָב אָנגעהויבן צו פֿילן אַז דו ביסט מיר געוואָרן אַ לאַסט און אַ שטער.

מײַנע ניצול־געוואָרענע לאַגער־ברידער זענען מיך מקנא געווען, וואָס איך האָב אָפּגעראַטעוועט מײַן טאַטן. און איך האָב זיך באַגראָבן פֿון חרפּה וואָס דײַן געטרײַשאַפֿט צו מיר קוועלט מיך. עס האָט מיך געאַרט דײַן יעטוועדער וואָרט. יעדער מינדסטע באַמערקונג דײַנע האָט מיר געגרילצט אין די אויערן און אָפֿט מאָל מיך אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים - אָט פּונקט ווי מלכהס רייד הײַנט צו טאָג, וואָס צערייצן מיך און רעגן מיך אויף - און איך פֿיל זיך טאָפּלט, דרײַפֿאַך, טויזנטפֿאַך פֿאַרעקלט מיט זיך. איך פֿיל זיך ווי אַ רשע... אַ רוצח.

טאַטע, זײַ מיר מוחל די טרערן... דאָ איז דאָס אײנציקע אָרט ווו איך קאָן זיך אויסוויינען - פֿאַר דיר... - אָט זע איך דיך, ווי דו טראָגסט מיך אויף דײַנע אַקסלען אַוועק צו יענעם טאָג, ווען איך וועל ליגן אויף אָט אַזאַ געלעגער ווי דו ליגסט הײַנט - און מײַן מיזיניק סעמי וועט רעדן צו מיר ענלעכע מבֿולבלע געזעגענונג־רייד אין זײַן דמיון...

ס'איז אפֿשר מאָדנע, וואָס טיף אין זיך פֿרעג איך דורך די נעפּלען פֿון מײַן צער, ווי אַזוי איך וואָלט מײַן איצטיק לעצטיק איבערלעבעניש מיט דיר אויפֿגענומען, טאַטע - ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָעט. צו מאָל טראַכט איך, אַז איך בין סײַ ווי אַ יורש פֿון פֿראַנץ קאַפֿקאַ. אויך איך האָב קאָשמאַרן און האַלוצינאַציעס בײַ טאָג און בײַ נאַכט. ער האָט פֿון זײַנע קאָשמאַרן אויסגעשפּונען דערציילונגען מיט זײַן פּען. איך האָב פֿון מײַנע קאָשמאַרן אויסגעשפּונען נישט־דערזאָגלעכע פּחדים. אויך מײַנע ווערק האָבן קיין מאָל נישט דערזען די ליכטיקע שײַן במשך פֿון מײַן לעבן. אמת, ער האָט זײַנע ווערק אָנגעשריבן און איך מײַנע האָב נישט - אָבער צי האָט דען דער דאָזיקער פֿאַקט אַ וועלכן נישט איז עצמדיקן באַטײַט? אַזוי צי אַזוי, קומט דאָך דער חשבון אויס אויף דעם זעלבן.

און פּונקט ווי פֿראַנץ קאַפֿקאַ האָט געליטן אויף טובערקולאָז פֿון די לונגען, אַזוי לײַד איך אויף טובערקולאָז פֿון דער נשמה. דער זעלביקער פֿיבער פֿאַרברענט מיך ווי ער האָט פֿאַרברענט אים.

... איך דערמאָן זיך ווי דו האָסט טריומפֿירט, טאַטע, דעמאָלט, ווען איך האָב באַשלאָסן דיר צו ליב צו טאָן און ווערן פּראַקטיש. כ'בין אַוועק שטודירן מעדיצין. ווי דו האָסט דאָס שטאָלצירט ווען איך האָב באַקומען דעם דיפּלאָם! האָסט אַפֿילו אָנגענומען אין גוטן מוט מײַן ספּעציאַליזירן זיך אין פּסיכיאַטריע. דאָס איז געווען מײַן פּשרה־אויסקלײַב. כ'האָב זיך געזאָגט, אַז פּסיכיאַטריע פּרוווט, פּונקט ווי פּאָעזיע, זיך פֿונאַנדערקלײַבן אין דער מיסטעריע פֿון דער מענטשלעכער נשמה און היילן אירע וווּנדן אויף איר אייגענעם אופֿן. כ'האָב זיך אײַנגערעדט, אַז איך וועל קענען מילדערן דעם ווײי אין די הערצער פֿון מײַנע געוועזענע לאַגער־ברידער, און כ'האָב זיך געמאַכט פֿאַרגעסן, אַז איבער די קאַצעט־איבערלעבונגען קאָן סײַ די טעראַפּיע, און סײַ דער אָפּלויף פֿון יאָרן די מינדסטע שליטה נישט האָבן.

האָסט מיטגעלעבט מיט מײַנע פּראָיעקטן, טאַטע, זיך אידענטיפֿיצירט מיט מיר. אַ דאַנק מיר האָסטו זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז דו האָסט סוף־כּל־סוף פֿאַרלוירן די אימיגראַנטישע אָפּגעפֿרעמדקייט און ביסט געוואָרן אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם מטושטשדיקן טעמפּאָ פֿון לעבן אויפֿן נײַעם קאָנטינענט. ווען עס איז דיך באַפֿאַלן אַ חשק מיך אַ ביסינקעלע צו דויען, האָסטו - דו, וואָס האָסט קוים געקאָנט אַ גלײַך ענגליש וואָרט אַרויסרעדן - מיך שפּאַסיק אָנגערופֿן מיסטער "שרינק", אַן אָנגענומענער לצנישער צונאָמען פֿאַר פּסיכיאַטערס. מיר האָט דער דאָזיקער זאָג דײַנער געקלונגען אין די אויערן, נישט ווי אַ שטיפֿערישער שפּאַס, נאָר גיכער ווי אַ באַפֿעלערישע קללה.

"מיסטער שרינק! שרינק אײַן! ווער אײַנגעשרונקען!" האָט זיך מיר געדאַכט אַז דו רופֿסט אויס צו מיר, "וואַקס מיך נישט אַזוי שטאַרק אַריבער! פֿאַרוויש מיך נישט אין גאַנצן!"

ביז צום הײַנטיקן טאָג האָסטו אַ שוואַכקייט צו מלכהן, טאַטע. האָסט זי ליב. איך ווייס דאָס. דאָס שלום־בית צווישן אײַך האָט מיך געפֿלעגט סײַ פֿרייען, סײַ אויפֿרעגן. איר האָט צוזאַמען געשעפּט נחת און אָנגעקוואָלן פֿון מיר, אײַער "געראָטענעם זון".ביידע האָט איר זיך געזאָרגט וואָס איך אַרבעט אַזוי שווער און איר האָט ביידע צוזאַמען מיך געמאַכט פֿילן ווי אַן אייביקער בעל־חוב!

אַ בעל־חובֿ? אָט ליגסטו דאָ אַ צאַנקענדיקער, טאַטעשי מײַנער, און איך קאָן גאָרנישט טאָן פֿאַר דיר - סײַדן קושן דײַן שלאַבעריקע האַנט... סײַדן נקמה נעמען אין דיר פֿאַר דער זינד פֿון האָבן מיך ליב געהאַט מיט אַזאַ געטרײַשאַפֿט, סײַדן דיך אויסלייזן פֿון די יסורים און פֿאַרשילטן זיך דאָס לעבן דערפֿאַר - ווי דײַן באַליבטער מלכּהלעס בעטנדיקע בליקן פֿאַרלאַנגען... באַפֿעלן, (צי אפֿשר דאַכט זיך מיר נאָר?) אָ, גאָט, ווי איך האָב זי פֿײַנט - זיך פֿײַנט. ווי מעג אַ מענטש... בפֿרט אַ געוועזענער קאַצעטניק פֿלירטעווען מיט אַזעלכע נידערטרעכטיקע מחשבֿות?

*

יאַקאָב האָט קוים געוווסט ווען און ווי אַזוי ער האָט אַדורכלאַווירט מיטן אויטאָ דורך דעם טראַפֿיק פֿון צענטער שטאָט און איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל. דאָ האָט ער אַרויפֿגעצווונגען אַ ניכטערקייט אויף זיך און אין איר האָט ער זיך אַזוי קאָנצענטרירט, אַז ער האָט געאַרבעט ווי אונטער היפּנאָז.

נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך בשום־אופֿן נישט געקאָנט גובֿר זײַן אַהיימצוגיין. ער האָט אַוועקשפּאַצירט אין פּאַרק. די ביימער זענען געשטאַנען אין דער פּראַכט פֿון אינדיאַנישן זומער, יעדער בוים אַ בוקעט, וואָס האָט מיט דער שפֿע פֿון קאָלירן זיך געבאָדן אין דער זון, ברוין־רויט, גאָלדיק־געלב. אַראָפּפֿאַלנדיקע בלעטער ווי שטיקער גאָלד האָבן לײַכט געדרעדלט אין דער לופֿטן און אָן אַ שאָרך זיך אָנגעהויפֿנט אויף דער ערד אַרום די ביימערשטאַמען. די סטעשקעס און דאָס גראָז בײַ דער זײַט זענען געווען באַדעקט מיט בערג מיט בלעטער, וואָס האָבן אָנגענעם געקנאַקט אונטער יעדן טראָט. איינצלנע ליכטיקע בלעטער האָבן קרײַזלענדיק לײַכט אַרומגעטענצלט אין דער לופֿטן, געטראָגן אויף די אָרעמס פֿון אַ לײַכטפֿיסיקן ווינט.

די פֿאַרביקע בגדים פֿון אַ יונגער בלאָנדער קינדער־גאָרטן־לערערין מיט איר קלאַס פֿון ברעקלעך קינדער האָבן אים אַ מיניע געטאָן פֿאַר די אויגן. ער האָט זיך דערנענטערט צו זיי און צוגעקוקט ווי דאָס קליינוואַרג גראָבט זיך אײַן אין די בערג מיט בלעטער, ווי זיי קײַקלען זיך פֿאַרהאַוועטע איבער די פֿאַרביקע הויפֿנס און האָפּסלען אַרום איבער זיי. דאָס בלאָנדע מיידל, די לערערין, האָט אָנגעשעפּט פֿולע אָרעמס בלעטער פֿון די אָנגעבערגלטע שטויסן און לאַכנדיק, זיי געלאָזט פֿאַלן איבער די קעפּלעך פֿון די קינדער. גאָלדענע בלעטער האָבן זיך פֿאַרטשעפּעט אינעם וואָל פֿון איר סוועטער און אין אירע האָר און דאָרט געבליבן שטעקן ווי פֿאַרשטאָכענע שטיקער צירונג.

יאַקאָב איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו דער צעשפּילטער גרופּע קינדער. די לערערין האָט אים אָנגעקוקט. אַ בלוי אומרויִק שטוינען האָט אַרויסגעבלינקט אויף אים פֿון אירע בלויע ברייט־פֿונאַנדערגעעפֿנטע אויגן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפֿגעהויבן אַ הויפֿן בלעטער און נאָכמאַכנדיק דער לערערינס באַוועגונגען, פֿונאַנדערגעשאָטן די בלעטער איבער די קינדערשע קעפּלעך.

"אַ גאָלדענער בלעטער־רעגן", האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר. און כּדי איר פּנים זאָל זיך וואָס גיכער אויסלײַטערן, האָט ער זיך פֿאַר איר פֿאָרגעשטעלט, איר געזאָגט, אַז ער איז אַ דאָקטער און ער אַרבעט אין שפּיטאָל דאָ בשכנות. ער האָט זיך געפֿילט

קאָמיש־נאַריש און בעת־מעשה איז אים באַפֿאַלן אַ מין בגילופֿינע שפּילעוודיקייט, אַ שטיפֿערישקייט. "ס'אַזאַ ליכטיקע וועלט!" האָט ער אויסגערופֿן מיט אַן איבערגעטריבענער באַגײַסטערונג.

די בלאָנדע לערערין האָט מסתמא באַשלאָסן, אַז דער פֿרעמדער באַדראָט נישט מיט קיין סכּנה, ווײַל איר בלויער בליק האָט זיך אויסגעקלאָרט און זי האָט אַ באַרויִקטע צוריקגעשמייכלט צו אים. ער האָט דערזען צוויי שורות פּראַקטיק־ווײַסע ציין. זייער אָנבליק האָט אים אַזש פֿאַרבלענדט. ער איז געווען זיכער אַז ער חלומט. ווײַל נאָר אין אַ חלום האָט אַלץ אַרום געקאָנט אַזוי לײַכטן, און אין מיטן פֿון דעם צעלויכטענעם אַרום זאָלן אַרויסבלענדיקן אַזעלכע צוויי שורות ציין, ווי צוויי שורות מיט־זון־צעצונדענע לעמפּלעך.

מיט אַ מאָל, ווי ער וואָלט אַרײַן אין אַ טראַנס, האָט ער אָנגעהויבן צו רעציטירן פֿאַר איר רילקעס "האַרבסטטאָג".

האַר, ס'איז צײַט. דער זומער איז געווען זייער גרויס.
לייג דײַן שאָטן אויף די זונען־זייגערס,
און אויף די פֿליינען לאָז די ווינטן פֿרײַ אַרויס...

ווען ער האָט געענדיקט, האָט דאָס מיידל אַ פֿאַרכּישופֿטע, אַ פֿאַרחלומט־אומעטיקע, חנעוודיק אַרויסגעזיפֿצט: "ווי שיין..."

"מײַן טאַטע איז מסוכּן קראַנק" האָט ער אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין אַרויסגעפּרעפּלט, ווי די דאָזיקע בשורה וואָלט געווען אַ צוגאָב־שורה צו דעם ליד, וואָס ער האָט נאָר וואָס אויסרעציטירט. "ער האַלט בײַם שטאַרבן".

דאָס ליכט פֿון אירע ציין איז אויסגעגאַנגען הינטערן פֿאַראַוואָן פֿון אירע שמאָלע ליפּן. זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט, מיטפֿילנדיק, "אָ, איי'ם וועריִ סאָרי...", האָט זי אַרויסגעפּליסטערט מיט אַן אויפֿריכטיקן באַדויער.

"איר האָט ליב אײַער טאַטן?" האָט ער זי אַ פֿרעג געטאָן, אָט ווי מען פֿרעגט אין אַ חלום.

זי האָט פֿאַרצויגן די אַקסלען. "איך האָב נישט קיין טאַטן".

"וואָס הייסט? ווי אַלט זענט איר געווען ווען איר האָט אים פֿאַרלוירן?"

"כ'האָב אים קיין מאָל נישט געהאַט, קיין מאָל פֿאַר די אויגן נישט געזען. ער איז אַוועק פֿון מײַן מאַמען ווען זי האָט געשוואַנגערט מיט מיר".

"קענט איר נישט דעם טעם פֿון האָבן געהאַט אַ טאַטן... און נישט פֿון פֿאַרלירן אים..." ער האָט געערעדט ווי צו זיך אַליין. "און איר קענט נישט די שולד וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך אײַך ווי אַ שווערער שלעפּ..."

"פֿאַר וואָס שולד?"

"פֿאַר האָבן זינדיקע געדאַנקען..."

ער האָט זיך נישט געפֿילט בכּוח אַרײַנצונעמען אין זיך דאָס גאַנצע בילד פֿון דעם מיידל מיט די קינדער אויפֿן ליכטיקן הינטערגרונט פֿון גאָלדענעם גאָרטן. דאָך האָט ער געשפּירט ווי אַ פֿאַרליבטקייט ריזלט אַרײַן אין זײַנע רמח אבֿרים. אַ צערטלעכע

פֿאַרליבטקייט אינעם פֿרילינג... אין דער יוגנט - אין סאַמע מיטן פֿון האַרבסט. אַזאַ היילנדיקע קלוגשאַפֿט איז פֿאַראַן געווען אין לעבן.

דער געדאַנק וועגן מלכהן האָט אים אַ שטאָך געגעבן אין האַרצן.

*

ס׳איז געווען נײַן אַ זייגער אין דער פֿרי. אַ גרויער האַרבסטיקער פֿרימאָרגן, אָן אַ זון. יאַקאָב האָט געלאָזט שטיין דאָס פֿרישטיק און איז אַרויס פֿון דער קיך. אַ רגע האָט ער זיך אײַנגעהערט אינעם געפּלאַפּל פֿון די קינדער מיט מלכהן, וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן בײַם פֿרישטיק־טיש. ס׳איז הײַנט געווען יום־טובֿ. ״טענקסגיווינג״. יאַקאָב האָט הײַנט נישט אויפֿגענומען קיין פּאַציענטן און איז נישט געגאַנגען אין שפּיטאָל אַרײַן. ״נישטאָ קיין שול הײַנט!״ האָבן די קינדערס פֿריילעכע אויסרופֿן אָפּגעהילכט אין זײַנע אויערן.

״נישטאָ קיין שול הײַנט!״ האָט ער געמורמלט צו זיך בעת ער איז אַרײַן אין זײַן קאַבינעט. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף יענער זײַט פֿאַראַוואַן. ווי גערן וואָלט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפֿע, אָט איצט, באַלד אין דער פֿרי פֿונעם ״טענקסגיווינג״־טאָג, און זיך מתוודה געווען אָט סתּם... פֿאַר עמעצן... אַ נישט־פֿאַראַנענעם פּסיכיאַטער. אָבער גראָד דאָס טאָר ער זיך איצט נישט דערלויבן! ער טאָר זיך נישט מתוודה זײַן פֿאַר קיינעם, אַפֿילו נישט פֿאַר זיך אַליין - ווײַל ער האָט עפּעס צו טאָן. טראָץ דעם פּחדנות... טראָץ דעם גרויל וואָס קלאַמערט אים אַרום - מוז ער דאָס טאָן... ער מוז!

ער האָט געוווּסט, אַז אַ מער פֿינצטערן טאָג ווי דער הײַנטיקער וועט ער קיין מאָל אין זײַן לעבן נישט האָבן. דער שטיקנדיקער חושך אין זײַן מוח איז אַרײַנגעזונקען טיפֿער און טיפֿער אין זײַן גוף, אין זײַנע רמח אבֿרים. אָבער פּונקט ווי אַ וואָלקן, וואָס נידערט אַראָפּ אין טאָל, לאָזט איבער דעם באַרגשפּיץ אײַנגעטונקען אין ליכט, אַזוי האָט פֿון ערגעץ איבער אים, מיט כּוח זיך אַדורכגעשלאָגן אַ שטראַלעכל העליקייט: דאָס בילד פֿון דער קינדער־גאָרטן־לערערין מיט די קינדער. דאָס בילד האָט אײַנגעשטעלט אַ שײַכות צווישן ליכט און פֿינצטערניש. ער האָט זיך געזען אין קאַצעט. געזען זיך טראָגן אַן עסעסמאַנס מונדיר איבער די געשטרײַפֿטע טראַנטעס פֿון אַ ״העפֿטלינג״... פֿון יענער זײַט דראָטן האָט מלכה געשמייכלט טרייסטנדיק, בעטנדיק, צוזאָגנדיק: ״באַלד וועסטו זײַן פֿרײַ...״

״פֿרײַ? אידיאָט!״ האָט ער זיך פֿאַרקרימט. ״ערשט איצט טוסטו זיך אָן די אמתע קייטן״.

די אַליינקייט האָט זיך אַזוי צעוויעט אין אים, אַז ער האָט געמוזט צוריקאײַלן אין קיך אַרײַן, כּדי צו כאַפּן נאָך אַ קוק אויף די קינדער, זיך אָנזעטיקן מיט זייער אָנבליק כאָטש אויף איין מינוט. אָט זענען זיי געזעסן אויף דער פּאַדלאָגע אין דער קיך און האָבן געשפּילט אין דאָמינאָ. בײַם טיש איז געזעסן מלכה אין שלאָפֿראָק, מיט צעפּאַטלטע האָר. דאָס פּנים האָט איר קלעפּיק געשײַנט. איר מידער בליק האָט זיך געשטרעקט צום נעזבֿוים וואָס האָט אַרײַנגעשטאַרט דורך די גרויע שויבן פֿון פֿענצטער. אָן דעם ליכט פֿון דער זון האָט דער נעזבוים אויפֿן הויף אויסגעזען פֿאַרבלייכט. ווי נאָר יאַקאָב איז אַרײַנגעקומען, האָט זי אַריבערגעטראָגן איר בליק אויף אים.

"טו זיך אָן און גיי אַראָפּ מיט די קינדער אין פּאַרק אַרײַן", האָט ער רויִק אַ זאָג געטאָן צו איר. ער האָט געשטאַרט אויף איר. האָט זי פֿאַרשטאַנען? יאָ, איר בליק האָט אים מילד געגלעט. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון טיש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ מיאוסער דאַנקבאַרער שמייכל האָט אויפֿגעלויכטן אין די ווינקלען פֿון איר מויל. ער וועט איר דאָס קיין מאָל נישט מוחל זײַן. ער שפּירט דעם פּחד... שינאה. זי איז די שלאַנג. ווי אַ דיבוק זיצט זי אין אים און פּלאָנטערט אים אײַן אין די נעצן פֿון אירע סמיקע מערוויזע־האָר.

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו איר, האָט זי צאַרט אַרומגענומען און האָט דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון אירע לויזע בריסטן דורכן דינעם שטאָף פֿון איר שלאָפֿראָק און דורך זײַן העמד. "איך האָב דיך ליב, מלכהלע, געדענק דאָס", האָט ער אַרויסגעפֿליסטערט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו די קינדער און אַ בענקעניש האָט אים אײַנגענומען זיך אויסצוקושן אויפֿן דיל לעבן זיי.

"פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!" האָט סעמי אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן אַרבל. "לאָז מיך רײַטן אויף דיר כאָטש אַ ביסינקעלע!"

מלכה איז אַוועק זיך אָנטאָן. יאַקאָב האָט אַרומגעהאָפּסלט אַרום דעם קיכטיש מיט סעמין אויף די אַקסלען. באַלד איז מלכה געווען צוריק, באַלאָדנט מיט מלבושים פֿאַר די קינדער. אין אַ משונהדיק אײַלעניש האָבן זי און יאַקאָב אָנגעטאָן די קינדער. זי איז אַראָפּ מיט זיי אין גאָס.

דאָס הויז איז אַרײַנגעזונקען אין אַ מוראדיקער שטילקייט. יאַקאָב איז צוריק אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט, האָט אויפֿגעשלאָסן די שאַפֿקע מיט מעדיקאַמענטן און האָט אַרויסגענומען דאָס פֿלעשעלע מאָרפֿין מיטן שפּריצל. ער האָט צוגעגרייט אַ פּעקעלע וואַטע, גרייט געמאַכט דאָס שפּריצל און עס אײַנגעטונקען אין פֿלעשעלע. דאָס גלעזל פֿון שפּריצל האָט גענומען אַרײַנציִען אײַן דאָזע און נאָך איינע. פּאַמעלעכל האָט ער אַריבערגעהיפּט די שטריכעלעך אויפֿן גלעזל איינס נאָכן אַנדערן. פֿאַר די לעצטע צוויי וואָכן זענען אָט די שטריכעלעך געווען דער לייטער וואָס איבער אים איז זײַן פֿלאַטערדיק האַרץ אַרויפֿגעשטיגן צום תּהום פֿון דעם הײַנטיקן טאָג. דעם טאַטנס שטוינענדיק־שטאַרקע האַרץ האָט צען טעג זיך פֿאַרהאַלטן ווי קיין מאָל גאָרנישט. ערשט מיט פֿיר טעג צוריק האָט דער פּולס גענומען באַווײַזן סימנים... דאָס האַרץ האָט גענומען באַשטעטיקן די פֿאַרשפּילטע שלאַכט... אונטערגעבן זיך... אָנערקענען די מפּלה.

אַ שטאַרק האַרץ איז אַ ירושה־זאַך... אַ שטאַרק האַרץ איז דאָס האַרץ פֿון אַ גיבור וואָס זײַן לײַב ווערט צעפֿרעסן פֿונעם קאַנסער פֿון דער באַפֿרײַונג. יאַקאָב האָט געהערט ווי זײַן אייגן האַרץ האַמערט אין די ווענטלעך פֿון זײַנע אָדערן, האַמערט אין די שלייפֿן. אַ גרויס האַרץ האָט געהאַמערט אינעם צימער, אינעם חלל פֿון דער וועלט, און האָט פֿאַרטויבט די חושים. עס האָט געהאַמערט אין יאַקאָבס טריט אַרויס פֿון קאַבינעט. עס האָט אויפֿגעהאַמערט די טיר פֿון טאַטנס צימער.

דאָס בעט. די אויגן נעמען עס אַרײַן אין זיך, צוזאַמען מיט דער אויפֿגעהויבנקייט וואָס באַרגיקט זיך קוים אָנזעעוודיק אין מיטן פֿון דער קאָלדרע, צוזאַמען מיט די קנייטשן אין דער קאָלדרע, ביז אַרויף צום קישן, ווו עס ליגט דער קאָפּ. דער קאָפּ איז מאָדנע גאָל און קײַלעכדיק, אַ פּאָר גרויע האָר סטאַרטשען אַרויס פֿון פליך. דער קאָליר פֿון דער הויט איז צוזאַמענגעגאָסן מיטן גרויען ליכט אויף די שויבן; דאָס פּנים - אַ פֿאַרגעלטער האַרבסטיקער בלאַט. די אויגן זענען געשלאָסן. גוט וואָס זיי זענען געשלאָסן, איבערגעדעקט מיט די צעקנאָדערטע אויגן־לעפּלעך און פֿונאַנדערגעלאָזט אין דער צעקנייטשטער געלבקייט פֿון דער פּנים־הויט. דאָס טונקל־ברוינע מויל איז דער איינציק־באַלעבטער פונקט. עס שנאָרכט. עס כאָרכלט. עס קעמפּט פֿאַר אַן אָטעם לופֿט.

אָט ליגט דער אָרעם שלאַבעריק אויף דער קאָלדרע. בלוט פֿון מײַן בלוט, פֿלייש פֿון מײַן פֿלייש. דעם טאַטנס קראַנקנבעט איז פֿאַרהאָנגען אין חלל ווי אַ האַמאַק. אין האַמאַק ליגט אַ ייִנגעלע פֿון דרײַ יאָר, און דער טאַטע הוידעט אים, אַהין... אַהער...

...אַ ייִנגליש קול וויעט, טאַטעשי... זײַ מיר מוחל פֿאַר דער פֿרעמדקייט צווישן אונדז. זײַ מיר מוחל פֿאַר דער נאָענטקייט... זײַ מיר מוחל וואָס איך דאַרף זײַן דײַן באַפֿרײַער... זײַ מיר מוחל פֿאַר דער זינד וואָס גייט נישט מוחל צו זײַן. אָט קוק איך צו מיט אָפֿענע אויגן - איך, דײַן זון יעקבֿ - ווי איך שפּיזל אַדורך דײַן הויט מיט דער נאָדל... צום לעצטן מאָל. איך זע ווי עס רינט די באַפֿרײַונג אַרײַן אין דײַן גוף און דײַן חלאַת רינט אַרײַן אין מיר... טראָפּן נאָך טראָפּן. ייִדן געזעגענען זיך מיט אַ זײַ־געזונט, פֿאָר געזונט... קום געזונט... נישט מיר, טאַטעשי, נישט מיר. מיר געזעגענען זיך נישט. איך האָב מורא... גאָט, ממעמקים קראתיך... איך דײַן זון קין, איך דײַן מערדער, האָב דיך ליב, טאַטעשי...

ער האָט אָנגענומען דעם טאַטנס האַנט מיט זײַנער, בײַם געלענק. נישט געווען מער קיין פּולס. ער האָט אַ קוש געגעבן דער האַנט, וואָס האָט נאָך געגליט מיטן אויסגערונענעם לעבן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז סעמי האַלט אים אַרומגענומען פֿאַר די פֿאַרשטײַפֿטע פּיס. "איך האָב דיך ליב, פּאַפּאַ".

*

מלכה האָט יאַקאָבן אַ פּאָר מאָל אָפּגעראַטעוועט פֿון באַגיין זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער קאָמפּולסיע זיך אַ מעשׂה אָפּצוטאָן. מלכה האָט זיך סוף־כּל־סוף געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט איינעם פֿון זײַנע קאָלעגן־פּסיכיאַטערס.

"פֿאַרשטיי..." האָט יאַקאָב געפּרוווט אויפֿקלערן דעם חבֿר, "ס'איז נישט אמת, אַז איך וויל נישט לעבן, ווי מלכה מיינט. איך האָב באַקומען דאָס לעבן ווי אַ געשאַנק, בעת אַזוי פֿיל זענען אומגעקומען. עס איז מײַן חובֿ צו לעבן. איך האָב התחייבֿותן לגבי אַנדערע. איך טאָר זיך פֿון זיי נישט באַפֿרײַען, נישט איך, דער געוועזענער קאַצעטניק, אָבער אַ געוועזענער קאַצעטניק וואָס באַגייט אַ פֿאַרברעכן איז מער שולדיק ווי יעדער אַנדערער פֿאַרברעכער. דערפֿאַר מוז פּאָטערמאָרד, אַפֿילו אַ רחמנות־מאָרד, באַצאָלט ווערן מיט זעלבסטמאָרד. עס וועט דיר גאָרנישט העלפֿן, מײַן פֿרײַנד, די האַנט פֿון יושר וועט מיך סוף־כּל־סוף אַרויפֿוואַרפֿן אויף די עלעקטריפֿיצירטע דראָטן.

יאַקאָב האָט אַ צײַט פֿאַרבראַכט ווי אַ פּאַציענט אינעם שפּיטאָל ווו ער האָט געפֿלעגט אַרבעטן ווי אַ דאָקטער. מען האָט באַניצט אַלע מאָדערנע מיטלען אים אויסצוהיילן פֿון זײַן זעלבסטמערדערישער קאָמפּולסיע. ער האָט דווקא געוואָלט אַז מען זאָל אים באַהאַנדלען מיט אַלטמאָדישע עלעקטראָ־שאָקן. ער האָט יעדן איינעם דערציילט, אַז אין קאַצעט האָט מען דאָס באַגיין זעלבסטמאָרד מיטן וואַרפֿן זיך אויף די עלעקטריפֿיצירטע דראָטן אָנגערופֿן "עלעקטראָ־שאָק־היילונג".

ס'איז געווען שווער צו וויסן, צי די אַלע היילמיטלען וואָס מען האָט לגבי יאַקאָבן אָנגעווענדט וועלן האָבן אַ דויערנדיקע פּעולה. סוף־כּל־סוף איז מלכּה געקומען אים אַהיימנעמען פֿון שפּיטאָל. ער האָט נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פֿון איר. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגע צײַט אָן איר. ער האָט זי אַצינד ליב געהאַט מיט אַ מאָדנע געביטענער ליבע, אַ מין פֿאָטערלעכע ליבע- מיט אַ צערטלעכקייט, וואָס איז כּמעט פֿרײַ געווען פֿון יעדן פֿיזישן באַגער.

נאָך איידער זיי זענען אַראָפּ פֿון די פֿראָנטשטיגן פֿון דער שפּיטאָל־געבײַדע, האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט צו איר.

"מיין נישט, מלכּהלע, אַז איך בין דאָ געזעסן ליידיק", האָט ער זיך צו איר אָפּגערופֿן. "כ'האָב געשריבן. יאָ, מײַן ליבסטע. געשריבן. ריטמישע שורות האָבן אַרויסגפּולסירט פֿון מיר און זיך צעפּלייצט איבער בויגנס פּאַפּיר מיט כוואַליעס פֿון סטראָפֿעס, מיט אַזאַ שפֿע... אָט ווי אַלע קוואַלן, אַלע שלוזעס וואָלטן זיך אין מיר צעעפֿנט. לידער, אמתע לידער האָבן אַרויסגעשטראָמט פֿון מיר". ער איז שטיין געבליבן, געעפֿנט זײַן קלומיק, אַרויסגענומען אַ דיקן ברוליאָן און אים איר דערלאַנגט. "נאַ, אָט האָסטו דעם גאַנצן באַנד לידער וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן. זיי זענען דיר געווידמעט. 'בריוו צו גאָט' רוף איך די זאַמלונג".

יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל / פּתח־תקוה

# ווינטגעיעגן

## אין געיעג מיטן ווינט

מיטן ווינט האָב איך זיך באַקענט
ווען כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען חומש.
(איך בין דעמאָלט שוין געווען אַ בן־חמש).
דאָס איז געווען דער ווינט וואָס האָט
נאָך הונדערט און פֿופֿציק פֿאַרפֿלייצטע טעג
אָפּגעשטעלט די רעגנס, און
געלאָזט נחן מיט זײַן הויזגעזינד אַרויסגיין פֿון דער תּיבֿה.
דערפֿאַר דאַכט זיך מיר אַצינד, אַז דער זעלבער ווינט
האָט אָפּגעשטעלט די פֿליוכענדיקע כּסלו־רעגנס,
וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו מיר דורכן דאַך
און מײַן היים איז נאַס געוואָרן, קראַנק און חרובֿ.

און גראָד דער אָ ווינט יאָגט מיך אַרויס אין גאַס,
ווען איך וויל פֿון אים אַנטרינען,
ווי אַ פֿלאַטערל פֿון שפּינגעוועבן.
און כאָטש איך ווייס ניט זײַן נאָמען,
פֿון די אַזוי פֿיל נעמען זײַנע וואָס אין מײַן זכּרון:
חמסין־ווינט, ווירבלווינט, מערבֿ־ווינט,
אָרקאַן, מאָנסון, באָרעאַס, נאָטוס און נאַומאַ -
איז ווי וויל איך בין אַ נאמן פֿונעם גוטס,
וואָס ווינטן טוען אויף פֿון דעמאָלט אָן,
ווייס איך אָבער און פֿיל די פּײַן פֿון יענע
ווינטגעיעגן, וואָס לייגן זיך אַרײַן אין מײַנע ביינער.

און ווײַל איך שטיי נאָך אַלץ און וואַרט אויף דער צוגעזאָגטער שעה,
און עס לויפֿט פֿאַרבײַ אַ זונענשטראַל,
וואָס מעסערט דורך די גראָע הימלען ווי אַ בליץ,
קומט מיר אויס אַז אייביק
וועט דאָ ווינען גאָר די נאַכט.